STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01448

IN ARBAYT UN NOYT

Samuel Hurwitz

Permanent preservation of this book was made possible
by Leslie & Nat Landau & Family
in celebration of
Dr. Jeffrey B. Steckler's

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. הורוויץ (א. ליטוויו).

איז ארבייט און נויט

(לידער און געדיכטע).

С. Гурвичъ. ВЪ ТРУДѢ и НУЖДѢ.

ПѢСНИ И СТИХОТВОРЕНІЯ.

אינהאלטס-פערצייכניס:

1. פאַר וועמען איך זינג 3
2. דער מוליער 4
3. די נייטערקעס 5
4. די זאָקענמאַכערקעס 11
5. די שניידערקעס 13
6. די בלייערנע אַרמיי 17
7. די ערשטע שוואַלב 22
8. דער שניידער-יונג 27
9. דער שוסטער 30
10. די טרוקענע ביינער 32
11. ענג און פינסטער (נאָך ניקיטין) 35
12. מיין ליעדעל (נאָך אוקראַאינקאַ) 36
13. עס ברענט אין מיין בוזעם (נאָך אוקראַאינקאַ) . . 37
14. הייליזאַמע טרערין 38
15. די פעלד-בלום 39
16. אַ פאָלק פון גבורים 40
17. אין אַלבום 41
18. דער אַלטער טאַנדעטניק 42
19. אין אַ דונקעלע נאַכט 53
20. דער קבצן הוליעט (אַ שמחת-תורה-ליעדעל) . . . 58
21. ושאַמעלע (נאָך נעקראַסאָוו'ס „קאַליסטראַטושקאַ") . 60
22. בלעם און זיין אייזעל (אַ מעשה'לע פון חומש). . 61

אוים ביאליק.

1. אַ ליעד — אַ יתומה 67
2. פריהלינגס-שריט 69
3. אין אַ זומער-טאָג 71
4. תקון חצות 73
5. קומענדיג אַ היים 75
6. תלמוד-לעגענדע 76

פאַר װעמען איך זינג.

ניט פאַר יענע, װאָס װאױנען אין זאַלען,
אױף געשטיקטע קאַנאַפּעס געלעהנט;
װעלכע לאָזען קײן שטױביל ניט פאַלען
אױף די צאַרטע, געפּאָליעטע הענד;

ניט פאַר זײ — יענע גליקליכע, זאַטע,
יענע שטאָלצע און פאָרנעהמע לײט,
װעלכע לעגען קײנמאָל זיך ניט מאַטע,
און ניט װײסען װאָס הונגער בעטײט;

ניט פאַר זײ, נאָר פאַר אײך, װעלכע שמאַכטען
אין די קעלערס פאַר הונגער און קעלט;
װאָס איהר שאַפט אַ גן עדן פאַר י ע נ ע,
און אַ העלע פאַר זיך אױף ד ע ר װעלט...

ניט פאַר זײ, נאָר פאַר אײך — מײַנע ברידער
און חברים אין עלענד און לײד,
פליסען מיר אױס דער ברוסט מײַנע לידער,
מײַנע לידער פון אַרבײַט און נױט...

דער מוליער.

די זון האט געבראטען, די זון האט געברענט,
דער שטויב האט געגעסען די אויגען;
פון שווייס און פון לייס איז צוקראכען זיין העמד,
זיין קאפטיל אויף פיצלעך צופלויגען;
די וואפנע, זי עסט איהם, דאך קימערט'ס איהם ניט,
ער שטעהט צום געריסט, ווי מיט קייטען געשמידט.

איהם ארט ניט, וואס אויבען, וואס אונטען פאסירט,
איהם ארט ניט די מענשען, וואס לויפען;
ער לעגט אליין די ציגעל, ער גלעט און ער שמירט—
עס וואקסען די ווענד, די [illegible] הויזען;
די וואקסען אליין העכער און העכער ביז דאך,
דאן געהט ער ארבייט—געענדיגט זיין זאך.

* *
*

אוועק איז דער זומער, דער ווינטער ניט ווייט:
די ברייטע גרויסארטיגע שטראסען,
זיי שטעהען מיט גאנצע קווארטאלען בעגייט
פון הייזער די הויך זעקס עטאזשען;
די פראנט מיט געצירטע באלקאנעס פערזייט,
און שויבען—צוויי קלאפטער די לענג און די ברייט.

און דאָרט אין די הײַזער, פֿערפּוצט גאָר אַנטיק,
אויף זאָפֿעס געשטיקטע און װײכע,
פֿערברענגען די רײַכע א לעבען פֿול גליק,
אין בעלער, אין טענץ, און עס הילכט די מוזיק
אַראָב פֿון די זאַלען די הויכע;
דאָך קײנער פֿון זײ האָט אָן יענעם געדאַכט,
װאָס האָט זײ די פּרעכטיגע זאַלען געמאַכט.

* * *

דער פֿראָסט האָט געשניטען, דער פֿראָסט האָט
געברענט,
עס ציטערט פֿאַר קעלט יעדער אָבר;
בײַם מולער אין סקלעפּ—דאָרטען פֿרירען די װענד,
און פֿינסטער איז דאָרט װי אין קבֿר;
די עופ׳עלעך װײנען און שרײַען אום ברויט.
אױ, שװער איז צו טראָגען די ביטערע נויט...

ער לויפֿט א פֿערשמאַכטער אַרוים אויפ׳ן מאַרק,
דאָס האַרץ איז צוקלעמט און פֿערדראָסען;
ער באַט אָן די רײַכע די הענד און דעם קאַרק,
אַבי צו פֿערדינען א גראָשען;
אומזיסט איז דײַן לויפֿען, דײַן זוכען אומזיסט,
דעם מולער אום װינטער דאַרף קײנער מעהר נישט...

די נייטערקעס.

אין א קליינעם שטיבעלע,
ביי א לאנגען טיש,
זיצען דארט מיידעלעך,
דרעהען מיט די פיס.

דרעהען די מאשינדעלעך
פון דער פריה ביז נאכט,
און אזוי ווערט טוצענדווייז
העמדעלעך געמאכט.

העמדעלעך, איהר ווייסינקע,
זאגט, וואס זענט איהר נאס?
מיידעלעך, איהר שענינקע,
זאגט, וואס זענט איהר בלאס?

העמדעלעך און מיידעלעך
רעדען נישט קייןווארט
אויסער די מאשינדעלעך
הודזשען אימער פארט.

דושנע איז אין שטיבעלע,
אונערטרעגליך היים;
פון די ארמע נייטערקעס
גיסט זיך טייכען שווייס.

* *

*

און ניט ווייט פון שטיבעלע —
אונטער שטעדטיל באַלד,
לויפט אַ פרישעס וועסעריל,
שטעהט אַ גרינער וואַלד.

און אין גרינעם וועלדעלע
שפּיעלט דער שענער מאַי,
בלאָזט אַ פרישעס ווינטעלע,
פליהט אַרומעט פריי.

דאָרטען בליהען בלימעלעך,
בלומען אַלערליי,
פליגעלעך פיעל גאָלדענע
שושקען זיך מיט זיי;

אין די צווייגען פויגעלעך
זינגען צוקער־זיס,
און דאָס פרישע וועסעריל
פלעסקעט אונטער: ביס!

און דאָס קיהלע ווינטעלע
לויפט זיך פריי אַרום;
שפּיעלט זיך מיט'ן וועסעריל,
שפּיעלט מיר יעדער בלום.

שטיפט מיט אַלע פויגעלעך,
פליגעלעך אין גראָז:
דעם אַ גלעט דאָס קעפּעלע,
דעם גיט עס אַ בלאָז.

* *
*

פלוצלונג ווערט דעם ווינטעלע
אומעטיג אין וואלד
און אהין צום שטיבעלע
לויפט עס אונטער באלד.

גנב'עט זיך אין לעכעלע
שנעל אריין פון לאד
רוימט איין יעדער מיידעלע
שטילערהייד א סוד:

מיידעלע דו בלייכינקע,
מיידעלע דו מיין!
טאג און נאכט דו הארעוועסט,
הארעוועסט אין פיין;

טאג און נאכט אין קלעמעניש —
ווי חערט דיר ניט מיאוס?
לאז צרווה די הענטעלעך,
לאז צרווה די פיס.

ווארף אוועק די העמדעלעך,
בראשע די מאשין!
דארט אין גרינעם וועלדעלע
קום מיט מיר אהין...

דארט אין גרינעם וועלדעלע
בליהט דער שענער מאי,
שפילט און לאכט די זונעלע
ליעבליך און געטריי.

דאָרטען וועט דײַן אויגעלע
שטראַהלען מיט אַ גלאַנץ,
דײַנע מאַטע פּיסעלעך
הויבען זיך צום טאַנץ.

קום זשע פײַנע מײדעלע,
קום מיט מיר בײַנאַנד,
אין מײַן שענעם קעניגרײַך,
אין מײַן שענעם לאַנד...

* *
*

חינטעלע, דו ליבינקער,
חינטעלע דו קלעק —
ענטפֿערן די מײדעלעך —
געה פֿון אונז אַוועק!

לאָזען די מאַשינדעלעך
טאָרען מיר נישט, נײן,
און מיט דיר אין וועלדעלע
קאָנען מיר נישט געהן.

ניט פֿאַר אונז, אוי נײטערקעס,
בליהט דער שענער מאַי,
נאָר אין אונזער לעצטער שעה
ווערען מיר ערשט פֿרײַ.

זעהסט דאָרט — אויפ'ן פּאָליצקע
ליעגט פֿאַר אונז אַ באַרג,
און די בעל הבית'טעצקע
שטעהט אונז איבער קאַרק.

געה זשע דיר אין וועלדעלע,

גְעה פֿון אונז אַוועק,
ווינטעלע, דו ליבּינקער,
ווינטעלע, דו קלעק".

אין פֿערקלעמט, און צאָרענדיג
לויפֿט אַרויס געשווינד
דורכ'ן לאָך פֿון לעדעלע
זיפֿצענדיג דער ווינד.

דושנער ווערט אין שטיבּעלע,
שטיל, מען הערט קיין וואָרט:
אויסער די מאַשינדעלעך
הודושען אימער פֿאָרט...

די זאָקענמאַכערינס.

אוי, אַ קלוגע וועלט איז היינט,
מיידעלעך געוואָרען!
ניט ווי אין דער באָבעס צייט,
אין די אַלטע יאָהרען.

קונציג ווערען היינט געמאַכט
אַלע פּראָסטע זאַכען:
אויסגעקלערט מאַשינדעלעך,
אוי, אין אַלע פאַכען.

לאָז אַראָב די אויגעלעך,
אַלטע באָבע האָדע!
דיינע ליעבע פּרענטעלעך
זענען שוין אוים מאָדע.

קום אַריין צום איינִיקעל
דאָ אין מאַסטערסקאַיע:
גאָר הדושים וועסטו זעהן, —
פּרענטעלעך גאָר נייע!

פּאַרקען יעדער אייגעלע
דאַרף מען ניט באַוואונדערן:
גיעב אַ רוק אַהין, אַהער —
פאַרטיג ווערט אַ הונדערט.

אַ גביר צו זיין איז היינט
פּראָסט אַ פערגעניגען

האָט ער אַ מאַשינדעלע,
קאָן ער שוין אַלץ קריגען...

האָט ער אַ מאַשינדעלע,
אוי, פון שטאָל און אייזען,
וואָס דאָס האַרץ געלוסט איהם נאָר,
קאָן ער שוין דערווייזען!

נור פאַר אונז איז, שוועסטערקעס,
ניט געוואָרען גרינגער:
צי מיט די מאַשינדעלעך,
צי מיט הוילע פינגער.

פון די נייע פרענטעלעך
קומט צו נייע שמאַרצען:
יעדער רוק און דרעה ביי אונז —
קלאַפט זיך אָב אין האַרצען.

ווי אין שטייג אַ פייגעלע,
איינגעשפּאַרט אין חדר,
צוגעשמידט צום בענקעלע —
רוקען מיר כסדר.

ווייסען ניט פון לופט און שיין,
תמיד איינגעבויגען;
גריבער אין די בעקעלעך,
פינסטער אין די אויגען.

הענטעלעך און פיסעלעך
ברענען אונז ווי פייער:
אוי, איהר שענע יעקעלעך,
אוי, קאָסט איהר אונז טייער!..

די שניידערקעס.

עס הידזשען אָהן ראַסט די מאַשינען,
 עס רעש׳ט און קלאַפּט אַרום טיש;
די שניידערקעס נייהען און זינגען
 דאָס ליעדעלע, אוי, איז ניט זיס.

דאָס ליעדעל עס נעהמט פֿאַר׳ן האַרצען,
 דאָס ליעדעל איז ביטער ווי גאַל;
פֿיעל שווייסיגע בלוטיגע טראָפּענס,
 זיי קאַפּען פֿון איטליכען שאַל.

זיי זינגען: עס הויבט שוין אָן טאָגען,
 די גאַנצע וועלט ליגט יעצט אין רוה;
נור שניידערקעס שלאָף איז פֿערוואָגעלט,
 נור אונזער אויג מאַכט זיך ניט צו.

מיר זיצען אין דרייען געבויגען,
 מיר האָרעווען טאָג אַזוי נאַכט;
מיר זיצען און בלענדען די אויגען,
 די ליפּען צוטריקענט, פֿערשמאַכט.

צו׳הלש׳ט די פֿיס, ווי די קלעצער,
 עס ווערט אַלע וויילע ניט גוט;
אוי לאָזט, בעל-הבית׳טעצקע, לאָזט אונז
 אַ דרעמיל טאָן כאָטש איין מינוט.

מיר מינטערן איינע די אַנד'רע,
מיר נייהען, מיר לאָזען ניט אָב;
ביי ליזען איז מאָרגען די האָבּציים,
מיר נייהען דאָך איהר גאַרדעראָב.

און ליזע איז רייך און געבּילדעט;
פֿיעל טויזענדער רובּעל נדן,
גיט איהר דער פּאַפּאַ, דער פּאָדריאַטשיק,
און גיט איהר אַ דאָקטאָר אַ מאַן.

אוי, ליזינקע, באַרישניע פֿיינע —
און בּלייבען מיר דאָ אויפֿ'ן אָרט:
די התונה-קליידעלעך דיינע,
זיי ווערען דאָך פֿאַרטיג צום וואָרט.

און מאָרגען, פֿערפוצט ווי אַ געטין,
געשלאָסען אַ האַנד אין אַ האַנד,
שפּאַצירסט דו אין זאַל מיט'ן חתן,
מיט מאַקסען דעם דאָקטאָר בּיינאַנד.

עס בּליצען עלעקטרישע לאָמפּען,
עס דונערט די האָבּציימס-מוזיק;
ער נעהמט דיך אַרום בּיי דער טאַליע —
דיין טאַליע, ווי עדעל — אַנטיק.

דער גאָרם אין דער זוים, יעדעס נעטיל,
און יעטוועדער שפּיצעל און קנייץ —
עס ליגט אויף דיר נעט ווי געגאָסען,
עס גיט דיר צו שענקייט און רייץ.

ווי רונד און געפֿילט איז דער בּוזעם,
דער אַרבּעל, ווי פּרעכטיג ער ליגט;

ער גְעהמט דיך גאַלאַנט בײַ דעם אָרעם,
ער קוקט און ער ווערט גאָר ענטציקט.

ער ציהט דיך געהײַם אין אַ ווינקעל
און שושקעט דיר: אוי, ביזטו שען!
— העֶר דאָקטאָר! וועט האָט אײַער כלה
פערפוצט און געליהען דעם חן?

די קליידעלעך אַלע די פײַנע,
אוי, זאָגט מיר, ווער האָט זיי געמאַלט?
ווער האָט איבער זיי ניט דערעסען?
ווער האָט איבער זיי ניט איין נאַכט

די אויגען געבלענדט אין געמאַטערט?
בײַ ווּעמען האָט יעטוועדער שטאָך
פֿון הארצען די בלוט אויסגעזויגען?
געעגבערט אין האַרצען אַ לאָך?

. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

אין טאַנצזאַל ווערט רוהיגער, שטילער;
צום מאָלצײַט די געסט לאַדט מען אײַן;
עס דעמפּפען די שענסטע מאכלים,
עס גיסט זיך דער טײַערסטער ווײַן.

עס גיסט זיך שאַמפּאַניער, ווי וואַסער,
עס הויבט זיך אָן טאָסטען איצינד;
מען טרינקט פאַר געזונד חתן־כלה,
מען טרינקט מחותנים'ס געזונד.

די גרעסטע יחסנים, גבירען
מיט גלעזער אין האנד רופט מען אן:
דאקטוירים, יורסיטען, באנקירען —
די גאנצענע גילדערנע פאן.

עס שיטען זיך רעדען און טאסטען,
עס גיסט זיך דער ווײַן אהן א מאס:
אוי, ליזינקע, מאקס — איהר פערגעסט ניט
פאר שנײַדערקעס טרינקען א כוס...

פאר יענע, וואס מאכען דאס לעבען
אייך אנגענעהם, ליכטיג און שען;
וואס נייהען אייך קליידעלעך פײַנע
און געהען דאך נאקעט אליין...

די בלײַערנע אַרמײ

מיר זענען גענעראַלען,
די גרעסטע אויף דער וועלט;
די אותיות — אונדזערע זעלנער,
די קאַסע — אונדזער פעלד;

עס לויפען דורך די קעסטלעך
די פינגער — איינס און צוויי;
דאָ ווערט צושטעלט אין רייהען
אַ מעכטיגע אַרמיי.

מיר זענען גענעראַלען,
די בעסטע אויף דער ערד;
מיר שיסען ניט מיט פולווער,
מיר דאַרפען ניט קיין שווערד.

מיר ברויכען ניט קיין קוילען,
פערגיסען ניט קיין בלוט;
די בלייערנע סאָלדאַטען
זיי זענען בראַוו און גוט.

דאָך הערשט אין זייער לאַגער
אַ שטאַרקע דיסציפּלין;

זיי פֿרעגען ניט: פֿון וואַנען?
זיי פֿרעגען ניט: וואוהין?

די רייהען פֿעסט געשלאָסען
ערדהאַלטען שטרענג און נעט
די שפּאַנעס און די שטעגעס,
קוואַדראַטען און פּירעט.

עס גיעבט פֿערשיעדענע טשינען
אין אונזער מיליטער;
דאָך אַלע גלייך אין ווירדע,
אין מוט און אין האָנער.

פֿערשיעדען כֿאַטש אין אויסזעהן,
דאָך אַלע גלייך אין שניט;
די ציצערא און טערציע,
דער גאַרמאַנד און פּעטיט.

און דובעל-גאַרמאַנד, מיטעל,
אַפּילו קאָלאָנעל,
און גאָר דער שמאָלער, פֿיינסטער,
דער בלייכער נאָנפּאַרעל;

די זעצער און דער ברעכער —
פֿעלדמאַרשאַל-מעטראַנפּאַזש:
מיר זענען גלייך אין רעכטע,
אין פּפֿליכט און אין קוראַזש.

מיר זענען גענעראַלען,
די בלייערנע אַרמיי,
זי רוהט זיך שטיל און פֿריעדליך
אין קעסטלעך אַלערליי;

דאָך דאַרפֿען זיי נאָר מערקען
פֿון קאָמאַנדיר אַ ווינק,
און ס'ווערט צושטעלט אין רייהען
אַ מחנה ראַש און פֿלינק.

און שטאַרק איז אונזער מחנה,
און ברייט איז אונזער פֿעלד;
מיר שרייטען פֿון דער קאַסע
אין אַלע עקען וועלט;

מיר לעגען זיך דורך סטעפּעס
און וויסטען דורך אַ וועג;
דורך וואַלד, און באַרג, און טאָלען,
און ים'ען אָהן אַ ברעג.

מיר שיסען ניט מיט קוילען,
פֿערגיסען ניט קיין בלוט;
די בלייערנע סאָלדאַטען
זיי זענען בראַוו און גוט;

און וואו נאָר זיי מאַרשירען,
דאָרט ווערט, אָהן קריעג און שלאַכט,
געעפֿענט טיר און טויער,
ערקענט די זיגערס מאַכט.

מיר טראָגען ליכט די מענשען;
„קולטור" איז אונזער פֿאָהן,
און העלער ווערט שוין דאָרטען,
וואוהין מיר קומען אָן.

מיר מונטערן אויף די שוואַכע,
מיר וועקען מוט און גייסט;

זיי הויבען אן צו שטרעבען
צו פרייהייט שטאָלץ און דרייסט.

מיר זענען גענעראלען,
דאָך ניט צו יענע גלייך,
וואָס וואוינען אין פאַלאַצען,
אין גאָלד און זילבער רייך;

מיר שטעהען ביי דער קאַסע
דורך טאָג און דורכ'ן נאַכט;
דער רוקען איינגעבויגען,
די ליפּען בלאָה, פערשמאַכט.

מיר בלענדען אויס די אויגען,
מיר שלינגען בליי און שטויב;
די שווינדזוכט טראָגט אין מאַסען
אַוועק פון אונז איהר רויב.

די ברוסט איז איינגעפאַלען,
דער אָטעם שווער געפּרעסט;
דאָך שטעהען איפ'ן פּאָסטען
מיר עהרליך, טריי און פעסט.

מיר האַלטען שטאָלץ די פאַקעל,
דורך הונגער און דורך קעלט,
און טראָגען ליכט די מאַסען
אין אַלע עקען וועלט.

מיר וועקען זיי צו קעמפפען,
און גלויבען, אז ניט וייט
איז שוין די פרייהייטס־שטונדע,
עס קומט די שענע צייט.

דער קאַמפּף ווערט אימער הייסער,
דער קאַמפּף — ער איז פאַרביי:
די שקלאַפן־קייט צושמעטערט,
די מענשען ווערען פריי...

דאַן וועט מען זיך דערמאָנען
מיט אַכטינג אויך אָן זיי:
די בראַווע גענעראַלען,
די בליירנע אַרמעע...

די ערשטע שוואלב.

און דיק איז נאך די פינסטערניש,
און רויה איז נאך די לופט,
דאך זעהט, עס פליהט א שוואלבעלע,
זי זאגט אונז אן, זי רופט:

פערצווייפעלט ניט,
דער אומעט פליהט,
דער ווינטער געהט פארביי;
עס גרינען באלד,
אי פעלד, אי וואלד,
עס קומט דער שענער מאי...

* *
*

דארט געהט אין גאס אנ'אלטער מאן,
ער מוז אייך זיין בעקאנט:
דאס איז אנ'אר'מער ארבייטער,
ער טראגט א זעג אין האנד.

דער רוקען איז געבויגען טיעף,
דער קערפער קוים בעדעקט;
א גאנצען טאג געהארעוועט,
געהובעלט און געזעגט.

געאַרבייט וועלכעהן, אַלצעהן שעה,
געדינט דעם בעל־הבית,
ער דינט און פרעגט קיין קשיות ניט:
פאַר וועמען? און פאַר וואָס?

געמאַכט קאַמאָדען, אַלמערלאַך,
און שפיגלען גאָר אַ פראַכט
פון פריה נאָך איי עס קרעהט דער האָהן,
ביז שפעט, גאָר שפעט ביינאַכט.

אַראָבגעפטר׳ט, אָבגעשטופט
אין מאַטערנעם דעם טאָג,
אַ וואַש די העַנט, אַרויפגעכאַפט
אין איילענעם דעם ראָק.

ער לויפט אַ היים און טרייסעלט זיך,
די פיס ער שלעפט זיי קוים;
אַ מאַטער, אַ צו׳הלש׳טער —
פערשלעפט ער זיך אַ היים.

ער פאַלט אַריין און כאַפט אַ ביס —
בעפאַלט איהם באַלד דער שלאָף;
אַזוי געהט עס זיין לעבען־לאַנג —
אַ מעשה אָהן אַ סוף.

אין שטוב איז נאַס און אומעטיג,
און קאַלט ווי אין אָסטראָג;
עס דאַכט, דער חושך נעהמט קיין עק,
עס ווערט קיין מאָל ניט טאָג...

* *
*

דאָך זעהט איהר איינעם לויפענדיג,
דער איז אייך אויך בעקאַנט;

דאָס איז אַ פּראָסטער אַרבייטער,
טראָגט אויך אַ זעג אין האַנד.

אַ הוילער, אַ דערפראָרענער,
פֿון פּראַצע מאַט און מיעד
לויפֿט ער אַהיים אין אײַלענעם,
איהם טרייסעלט יעדעס גליעד.

דאָך פֿעסט און זיכער איז זײַן שריט,
זײַן בליק איז שטאָלץ און העל;
פֿון לעבען, לוסט און האָפֿענונג
איז דאָרט אַ גאַנצער קוועל.

אַ גאַס אַרײַן, אַ גאַס אַרויס —
ער געהט פֿאַרבײַ אַ קראָם;
אַ חבֿר דאָרט בעגעגענט ער
און פֿיהרט אַרײַן אין בראָם.

זיי שושקען זיך, זיי סוד'ען זיך,
איהם אַרט ניט, וואָס ער פֿריהרט;
ער וועקט אין חבֿר מוט און גײַסט,
ער שטעהט און אַגיטירט.

ער שטעהט און פֿריהרט, און אַגיטירט,
עס שטראַהלט זײַן שטאָלצער בליק;
ער רעדט מיט האַרץ, ער רעדט מיט היץ
פֿון פֿרײַהײַט און פֿון גליק.

פֿון יענער צײַט, וואָס איז ניט ווײַט,
מען דאַרף נאָר האָבען מוט...
דער חבֿר הערט איהם אויפֿמערקזאַם,
דער חבֿר הערט איהם גוט.

אַ שענע וועלט ווערט איהם געמאָלט:
קיין „אָרים" און קיין „רייך",
אַ איד, אַ קריסט, אַ טערק, אַ היידע —
ווי ברידער — אַלע גלייך.

פאַר אַלע מענשען איין געזעץ,
פאַר קיינעם ניט קיין פורכט;
נאָר דער, וואָס האָרעוועט אַליין,
געניסט זיין אַרבייטס־פרוכט.

צו גלויבען פריי, צו דענקען פריי,
צו דרוקען וואָס מען וויל;
פערזאַמלען זיך און בילדען זיך —
דו האָב נאָר אַ געפיהל...

דער קאַמפף איז גרויס, דער קאַמפף איז הייס,
דאָך אונז געהערט דער זיעג...
דער חבר הערט און פולער ווערט
זיין האַרץ, עס שטראַהלט זיין בליק.

ער שטראַהלט מיט לייד, ער שטראַהלט מיט פרייד
ער נעהמט איהם ביי דער האַנד,
ער דריקט זי פעסט, ער רעדט קיין וואָרט —
זיי געהען שוין ביינאַנד...

* *
*

און מעג נאָך זיין די פינסטערנעס
ווי דיק, און רויה די לופט,
דאָך זעהט איהר יענע שוואַלבעלע,
זי זאָגט אונז אָן, זי רופט:

פֿערצווייפֿעלט ניט,
דער אומעט פֿליהט
דער ווינטער געהט פֿאַרביי;
עס גרינען באַלד
אי פֿעלד, אי וואַלד.
עס קומט דער שענער מאַי.

דער שנײַדער.

מײַן טאַטע איז אַ יאָלד געװען,
געלעבט האָט ער פֿון װינד;
קײנמאָל געהאַט קײן ברויט צו זאַט
פֿאַר זיך און װײַב און קינד.

אַ יאָלד איז שלעכט — אַן אַרבײַטער
אַזױ גוט און אַזױ װױל:
קײן גליק ניטאָ, קײן נויט ניטאָ,
דאָס לײַב איז דאָך ניט הויל.

אַזױ האָט ער, מײַן טאַטעלע,
געטענה'ט אימערצו,
און זאָגט צו מיר: „נו, יאָסעלע,
אַ שנײַדעריונג װערסט דו".

פֿון דאַמאָלס אָן איז דרײַצעהן יאָהר
אַװעק — איך װײס װאוּהין?
אַ שנײַדעריונג איז יאָסעלע,
איך זיץ בײַ דער מאַשין.

איך זיץ און שטעפּ, און שטעפּ, און שטעפּ,
און ברום מיר צו דערבײַ
אַ שענעב „מן המצר'ל" —
עס לויפֿען דורך פֿאַרבײַ

אַ ווייבעלע, אַ מיידעלע,
אַ ייד — אויך מיט אַ באָרד;
עס צופּט זיי די נשמה׳לע,
און צוגעשמידט צום אָרט,

פערבלייבען זיי און האָרכען צו
מײַן נג׳עלע, מײַן ברום;
מײַן צימבעלע־מאַשינדעלע
העלפט אונטער אויך: זום... זום...

און איך און זי, מײַן צימבעלע,
מיר וועגען ביידע שטאָלץ;
כאָטש איך בין מיר אַ שניידעריל,
און זי נור אייזען—האָלץ.

בעשאַפען האָט אַ מענשען גאָט,
געמאַכט אַ הוילען גוף;
דאָך איך מיט דער מאַשינדעלע —
מיר טוען פיעל מעהר אויף.

איך נעהם מיר אַ פּאָר איילען טוך
און צייכען אָן מיט קרייד;
איך גיב אַ שער אַהין, אַהער,
און לעג צו זייט בײַ זייט

צוויי שטיקער אונטער נאָדעלע —
אַ ברום, אַ זום, אַ שטעפּ:
עס פליהט אַרויס אַ גרויסער לייט —
אַ גענעראַל מיט קנעפּ.

און פירשטען, גראַפען, קעניגע,
מיניסטער, קאַמערהער, —

איך שטעף זיי, מאך זיי טוּצענווייז
מיט נאָדיל און מיט שער...

— און זאָט ביזטו, צי הונגעריג,
אוי, יאָסיל, פאַר דיין מיה?
און וואָס איז מיט די פלודערלעך? —
עס טאָרטשען הוילע קניע...

עי, מאַכט פון מיר קיין חוזק ניט,
פון שניידער־יונג ניט לאַכט...
איך זעה נאָך אייער שמייכעלע
און שטוים מיך אָן... איהר טראַכט:

„אַ בוואַט אַ יונג איז יאָסעלע —
ער שאַפט די גרעסטע לייט;
דאָך לעגען זיך אַ לאַטקעלע,
דאָס האָט ער ניט קיין צייט...

דער שוסטער.

צו זיין אַרבייט ברויכט דער שוסטער
אינסטרומענטען גאָר ניט פיעל:
קורצער טישעל, דרייפוס־בענקעל,
פאַרטוך, האַמער, אָהל, קאַפּיל.

דושנע, פינסטער איז זיין קעלער,
ענג און שמוציג, קאַלט און נאַס,
דורך דאָס פענסטעריל, דאָס מוטנע —
שימערט קוים אַ שטראַהל פון גאַס.

איבערן דרייפוס איינגעבויגען,
מיט׳ן האַמער און דעם אָהל,
אין די זעהלען און אַבזאַצען
שלאָגט ער טשוועקלעך אָהן אַ צאָהל.

האַמערט האַסטיג, שלאָגט מיט אימפּעט,
אויפ׳ן שויס דאָס שוסטער־ברעט;
שטיפעל, שיכלעך און קאַמאַשלעך,
פון דער פריה, ביז נאַכט גאָר שפּעט.

ניט קיין הימעל. ניט קיין הייזער,
ניט קיין מענשען זעהט ער אָן,
דורך דאָס פענסטעריל, דאָס מוטנע,
פון זיין שוסטערל׳כען „טראָהן“.

נור די קלאַטקע פֿול מיט גריבער
אין דעם הוילען, קאַלטען ברוק;
און די פֿיס... ניט מענשען — פֿיס נור
זעהט ער, ווען ער כאַפּט אַ קוק.

דאָך זיין האַרץ ווערט פֿול מיט גאוה,
וואַרפֿט ער נור אַ בליק אויף זיי:
שטיוועל, שיכלעך און קאַמאַשלעך,
און קאַמאַשלעך אַלערליי.

די מיט גומע, די מיט שנירלעך,
די מיט קנעפּלעך אָן אַ זייט,
און כאַלאַוועקעס, שען לאַקירטע —
און ער ווערט ביי זיך אַ לייט.

איבער'ן דרייפֿוס איינגעבויגען
קוקט ער שטאָלץ אין שויב און טראַכט:
באָרוועס וואָלט איהר דאָך געגאַנגען,
ווען איך וואָלט דאָס ניט געמאַכט.

די טרוקענע ביינער.

ויוציאני ברוח ד'..
וינחני בתוך הבקעה...
והנה הבקעה מלאה עצמות...
ויאמר אלי: בן אדם!
התחיינה העצמות האלה?...
(יחזקאל לא).

און אומעט, און פינסטער איז אונטען אין טאל:
עס פוילען דארט הויפענס מיט ביינער אהן צאהל.

די ביינער פון מענשען וואס האבען פערלארען
די מענשען-געשטאלט שוין זייט טויזענדער יאהרען.

עס בייסען זיי שלאנגען, עס צופען זיי הינד,
עס נעצט זיי דער רעגען, עס נאגט זיי דער ווינד.

און אימעט, און חושך און פול מרה-שחורה,
א טויטליכעס שווייגען, א בענגיגע מורא

הערשט אונטען אין טאל דארט ארום און ארום,
נאר צייטענווייז הערט זיך א קלעגליכער ברום:

צי הע‏לען די דארע צוטריקענטע ביינער
איינגאנצען פערפוילען? עס לעבט ניט אב איינער?

צי וועט דא דעם שווייגען ניט נעהמען קיין סוף?
און דויערט עס אייביג די שרעקליכע שטראף?

* *

— עס הויערט ניט אייביג די שרעקליכע שטראף:
עס איז דא צום שוויינען געקומען א סוף...

* *
*

ניט ווייט פון די הויפענס מיט ביינער אהן צאהל
האט פלוצלונג ערקלונגען א מענשליכער קול.

עס הערט זיך אליך נעהענטער פוס-טריט, און באלד
בעוויזט זיך דא האסטיג א מענשען-געשטאלט

דאס איז ער — דער נביא, דער געטליכער מאן;
און ווי נאר ער איז דא געקומען, איז דאן

פערשוואונדען דער אומעט און שרעקען אין טאל:
א שטראהל האט בעלויכטען די ביינער אהן צאהל.

און העלער, אליך העלער ווערט אימער דאס ליכט:
דער שטראהל האט געשאסען פון נביא'ס געזיכט;

זיין ברוסט האט געשטורמט, זיין אויג האט געברענט,
און ער האט א הויפען בעריהרט מיט די הענד.

און ער האט געשפראכען א זעלטזאמעס ווארט:
א וואונדער איז פלוצלונג געשעהן אויפ'ן ארט:

עס האט א געררודער אין טאל זיך פערנומען:
א ביין צו א ביין איז גאר נאהענט געקומען,

אזוי האבען פעסט זיך געשלאסען אין טאל
פון הויפענס מיט ביינער סקלעטען אהן צאהל.

דער נביא האט ווידער געשעפטשעט א שפרוך:
און יעדער סקעלעט פון א גוואלטיגען סקרוך

דורכציטערט, האט באלד זיך בעקליידט די מינוט
מיט אדערן, פליייש און מיט ווארעמען בלוט.

א הויט האט די מוסקעלן איבערגעצויגען
און לעבען און קראפט האט געשטראהלט פון די אויגען.

און מונטער בעוועגט זיך די ארבייט אין טאל:
דארט שטעהען שוין מחנות מיט קעמפפער אהן צאהל.

זיי שטעהען און ווארטען צום מארש א סיגנאל,
און פלוצלונג ערטענט דער ערווארטעטער שאל,

דער קול פון דעם נביא, דעם געטליכען מאן:
עס שרייטען די מחנות, ער געהט זיי פאראן.

זיי שרייטען דורך טאלען, דורך בערג און דורך וואלד,
און וואו נאר זיי קומען — אנטלויפען שוין באלד

פאר זייערע שטאלצע און מעכטיגע שארען —
דער אומעט און שרעק און די פינסטערע כמארען.

דער וועג איז נאך וויט, נאר זיי ווערין ניט מיעד,
זיי געהען און זינגען פון פרייהייט א ליעד,

פון פרייהייט און גלייכהייט, פון אייביגען גליק
און וואונדערליך קלינגט אין דער לופט די מוזיק...

ענג און פינסטער.

(נאך ניקיטין).

ענג און פינסטער, ווי אין קבר,
פון די ווענד עס גיסט;
אין די ווינקלען פּאַוטינע,
אויף די בענקלעך מיסט.

טאָג און נאַכט געשפּאַנט אין פּראַצע,
עסען טרוקען ברויט;
קינדער הילע — הוסטען, וויינען:
אוי, דו שווערע נויט!

דחקות, פּיין דעם גאַנצען לעבען,
שטאַרבען אָהן אַ צייט...
אוי, ווי לאַנג וועט איהר עס דולדען,
אָרמע אַרבייטס-לייט?..

מײַן לידעל.

(נאָך איקראַאינקא).

מײַן לידעל, דו בּיזט דאָך מײַן אײנציג געװעהר,
מיט דיר איז דער בּיטערער קאַמפּף מיר ניט שװער.

דו הויבּסט געגען הענקער די מעלכטיגע האַנד
פון פרײַנדע, װאָס זענען מיר גאָר אונבּעקאַנט.

זײ װאַרפען מיט דיר זיך אין בּלוטיגען שטרײַט
און נעהמען נקמה פאַר אַלעם װאָס לײַדט.

אָ, דינן, מײַן געװעהר זײַ די העלדען געטרײַ,
בּיז װאַנען זײ מאַכען די מענשען ניט פרײַ.

עס ברענט אין מיין בוזעם.

(נאך אוקראאינקא).

עס ברענט אין מיין בוזעם... דער קומער, דער טיפער
האט פייער געלעגט אין מיין הערץ;
פאר וואס ז'שע קאן איך ניט מיט שטראמען פון טרערען
פערגיסען, פערפלייצען מיין שמערץ?

עס צידט זיך, עס רייסט זיך, עס וויינט מיין נשמה,
דאך קענען ניט טרערען ארויס;
נאך איידער זיי קומען ארויף צו די אויגען —
דער קומער — ער טריקענט זיי אויס.

איך וואלט אין די פעלדער ארויס אין די פרייע,
און פאלען צו דר'ערד מיט געוויין,
און יאמערן דארט אזוי לאנג, אז די שטערן —
זיי זאלען פון קומער צוגעהן.

הײלזאמע טרערן.

(א. ר. ב.)

איך בין דיר מקנא די טרערן:
זײ הײלען דײן קינדליכעס הערץ,
און פליסען זײ דיר אויף די באקען —
דאן מאכען זײ לינדער דײן שמערץ.

מײן הערץ איז שוין לאנג װי פערשטײנערט
דורך מענשליכע קרענקונג און האס;
און מעג'ס אין דער ברוסט מיר צושפרינגען —
דאס אויג װערט מיר קײן מאל ניט נאס.

די פֶּעלְד־בְּלוּם.

מֶען ווייס נִיט פוּן וואַנֶען, מֶען ווייס נִיט פוּן וועמֶען —
פֶערזֶעצט אִין אַ קֶעסט׳ל מִיט עֶרד —
האָט טרויעֶריג־לאַנגזאַם גֶעוועֶלקט אִין גֶעוואַקסֶען
אַ פֶעלד־בלום אִין חלום פֶערקלֶערט.

אִיהר האָט זִיך גֶע׳חלוֹם׳ט פוּן הֵיימִישֶע פֶעלדֶער
מִיט שטראַהלֶען אִין ריחות גֶעפִילט;
פוּן ווינטעֶלעֶך פרייֶע אִין פֵייגעֶלעֶך זִיסֶע,
וואָס האָבֶען מִיט אִיהר זִיך גֶעשפִּיעלט.

זִי האָט זִיך גֶע׳חדוּש׳ט אוּן האָט נִיט פֶערשטאַנֶען:
ווי קוּמט זִי אַהֶער אִין דֶער פרֶעמד;
אוּן לאַנגזאַם אוּן טִיעף האָט אִיהר קֶעפִּיל גֶעבויגט זִיך,
אִיהר הֶערצִיל גֶעקלֶעמט אוּן גֶעקלֶעמט...

א פּאָלק פון גבורים.

א פאָלק פון גבורים, סכנות!
צו האנדלען מיט איהם איז א שרעק...
און וואו נאר א יום־טוב, א תענית —
געוועהר און געוועהר אהן אנעק...

ל״ג בעומר מיט פייל און מיט בויגען,
און תשעה באב מיט א שווערד;
קומט פורים: פון שרייערס, פון קלאפערס —
עס ציטערט, עס דראהעט די ערד.

טו זאגט מיר, איך בעט אייך, פאר וואס זשע
אָ, זענען צואוואָרפען, צושפרייט
מיר טויזענדער יאָהרען אין גלות,
געטראָטען פון יעדען ווי קויט?

איך שטעה הינטער בימה אין קלעמנים;
עס דריקט מיר א שמערצענס־געפיהל:
מיין פאָלק, מיינע אָרימע ברידער!
איהר האָט קליינע קינדער צום שפיעל

דאָס שטאָלצע געוועהר אָבגעגעבען;
און אייך איז געבליבען אליין
נור קינות און סליחות און טרערען,
נור טרערען, נור קלאָג און געוויין...

מיין פאָלק, מיינע אָרימע ברידער!
אָ, קומט יענע צייט ווען צוריק,
ווען איהר וועט מיט העלדען־מוט ווידער
ערקעמפפען זיך פרייהייט און גליק?..

אין אַלבּום.

מײַן ליעבּע, שעגע מײַדעלע:
ווען איך וואָלט נור געקענט,
וואָלט איך צו דײַן געבּורטס־טאָג הײַנט
געשענקט דיר אַ פּרעזענט:

פיעל פּערלען און פיעל דימענטען
אין רײַנעם גאָלד געפּאַסט;
איך ווייס: ווי יעדער רײַכער קינד
וואָלט דיר עס אויך געפּאַסט.

נור גאָלד און פּערלען האָב איך ניט —
מײַן איינציגער פערמעג
איז נור מײַן האַרץ, וואָס ליבּט דיך טיעף,
וואָס ליעבּט דיך אָהן אַ ברעג;

און פון מײַן האַרץ אַ ליעדעל שטראָמט —
דאָס גיב איך דיר אַ צינד,
נאָך דײַן פערלאַנג, צום אַנדענקען,
מײַן ליעבּע, שעגע קינד.

דע אַלטער טאנ עטניק.

אויפגעקנויטשט אין דרײַען,
אויף דער הוילער באַנק,
ליגט דער אַלטער מתית
הינטער אויווען קראַנק.

דרויסען קלאַפּט דער ווערטער,
שפּעט נאָך האַלבער נאַכט,
אַלץ אַרום איהם כראָפּעט,
נור ער איינער וואַכט.

וואַרפט זיך אַלע ווײַלע
אויף אַנ'אַנדער זײַט;
קיינער הערט ניט, זעהט ניט,
ווי דער אַלטער לײַדט.

און ער שעפּטשעט קריאת=שמע
מיט אַנ'אומעט קול,
קרעכצעט „השכיבנו“
שוין אַ דריטען מאָל.

נור עס העלפט ניט „קריאת=שמע“
צו דער קראַנקער ברוסט:

אַלֶע ווײַלֶע שטיקט איהם
שטאַרקער אַלץ דער הוסט....

*
* *

זעלטען טרעפט מינוטען
ווען עס געהט איהם אָב,
דעמאָלט הויבט דער אַלטער
אויף זיין מאַטען קאָפּ.

נור ער פאַלט איהם מאַכטלאָז
אויף דער באַנק צוריק,
און אין דיקען חושך
שטאַרט זיין מיטנער בליק.

שטאַרט און בלאָנדזשעט ושעדנע,
ווי ער וואָלט בעטראַכט,
עפּעס ווי געשטאַלטען
אין דער קאַלטער נאַכט.

אַלטע לאַנג פערגעסענע
בילדער גאָר אַ סך
פון זיין לאַנגען לעבען
שטעהען פאַר איהם וואַך.

נור פון זיי ניט איינער
קוויקט זיין קראַנקעס הערץ;
יעדער וועקט צום נייעם
נאָך דעם אַלטען שמערץ.

פֿון זײַן קינדהײַט, יוגענד,
פֿאַר אַ פֿולע יאָהר,
טרױעריגע זכרונות
שטעלען זיך איהם פֿאָר.

לױפֿען אָהן אַ סדר,
נור ער קען זײ גוט:
װען זײ קומען נאָהענט,
פֿריערט זײַן אַלטעס בלוט...

. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

———

באָרװעס אונטער בימה,
כ'װאַרפֿט איהם יעדעס גליעד
שטעהט אַ קינד, און קדיש
לערינט איהם אַ איד...

———

מיט אַ שטיק פֿערדאַרטע
ברױט אַ גאַנצען טאָג
זיצט אין תלמוד תורה
דאָרט אַ יתום, — „װאָג!“ —

שרײַט דער רבי, — „שײַגעץ!“ —
שרײַט און גיט אַ זעץ —

און אין דאַרען ל'ײַבעל
פליהען קלעפּ און פּעטש.

אויף אַ שוסטער־בענקעל
אין אַ פינסטער סקלעפּ
זיצט אַ יונג געבויגען,
און נאָך שטאַרק'רע קלעפּ

ל'ײגט דער בעל הבית איהם,
שלאָגט מיט'ן קאָפּיל,
און ער זיצט געבויגען
און ער בלײַבּט שטיל...

מיט אַנ'אַלטען קאָשיק
און אַ לאַנגען טשוועק
מעסט אַ יונג די קאַסטענס
מיסט פון עק ביז עק,

איבער שטאָדט: אין פּישמאַרק,
שול־הויף — אומעטום
שלעפּט ער זיך פון מאָרגען
ביז צו נאַכט אַרום.

געהט דורך שלאַקס און רעגען,
בלאָטע שניי און ווינד,
כאַפּט אַמאָל אַ שטעקען
און אַ ביס פון הינד.

גערט און גראבט די קאסטענס
ראיעט אהן א שיער:
אלץ איז איהם א סחורה:
שמאטעס, גלאז, פאפיר...

און ביי נאכט פערהונגערט,
עלענד, אהן א העמד,
וואלגערט ער זיך תמיד
ערגעץ אין דער פרעמד.

מיט דעמזעלבען קאשיק
און א טשוועק אין האנד
געהען צווי נפשות:
ער און זי ביינאנד.

פלוצלונג פאלט א באנדע
כאפער — און קאפוט!
פאר א גבירס א זוהנדיל
געהט ער א רעקרוט.

ווייב און מאמעס טרערען
ריהרען ניט די לייט;
איהם פערגאלט דעם שטערן
און פערשיקט גאנץ וויט.

די רעקרוטסקע סלושבע
וויים ער שוין אויף קלאר:
אבגעדיענט דעם קיסר
פינף און צוואנציג יאהר.

אָפּגעדינט כּסדר
פֿינף און צוואַנציג יאָהר,
אוי, אַז מען דערמאָהנט זיך
שטעלט זיך יעצט די האָר...

. . . .
. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

* *
*

מיט אַ גראָבען שטעקען
טאָפּטשעט, שלעפּט זיך קוים
דורכ'ן שלאַקס און רעגען
אַ סאָלדאַט אַ היים.

געהט דורך בערג און טאָלען,
געהט דורך וואַלד און פֿעלד,
געהט דורך שטעדט און דערפֿער,
געהט דורך היץ און קעלט.

אָפּגעלעגט אַ הינטער
טויזענד וויאָרסט די לענג:
ניט איין טאָג געהונגערט,
ניט איין מאָל געקרענקט.

פֿון דער לאַנגער סלוזשבע
איז געבליבען נאָר

אַ שײנעל אַנ׳אַלטער
און די גראָע האָר...

בילא, נו, געפּטר׳ט!
דאַנקען גאָט שוין פרײַ;
איצטער הויבט אַ לעבען
אָן זיך אויף דאָס נײַ...

די אָטסטאַװקע האַלט ער
פעסט צום האַרץ געדריקט;
נאָר אין איהר אַלײן איז
יעצט זײַן גאַנצער גליק.

צעהן גילדען אַ חודש
פּענסיע געהט געװיס...
און ער הויבט אַלץ װײַטער
זײַנע מאַטע פיס.

דאַנקען גאָט פעשלעפּט זיך,
פופציג יאָהר אַ איד...
דעם בית עולם מאַכט ער
ערשטענס אַ װיזיט.

אַלץ װאָס האָט געצויגען
איהם פון סלוושבע דאָרט,
ליעגט אָט דאָ בעגראָבען
אויפ׳ן הײליגען אָרט...

פאַר אַ גרויסען זעקסער
מאַכט דער קברות־מאַן
זאָגט אל מלא רחמים׳ס
פאַר דעם גאַנצען שפּאַן:

טאַטען, מאַמען, זיידען,
באָבען, ווייב און קינד,
כאָטש פון זיי געדענקט ער
דריי נאָר ביז אַצינד.

צוויי שוין „עליו השלום“
פינף און צוואַנציג יאָהר,
קינד און מאַמע — ביידע
באַלד נאָכ'ן נאַבאָר.

נאָר די ווייב אַליין האָט
איהם די גאַנצע צייט,
אַלע יאָהר אַ בריוועל
טריי געשיקט פון ווייט.

האָט זיך די אָטסטאַווקע
אָבער ניט דערוואַרט;
פאַר אַ יאָהר' אין הקדש
האָט זי „אויס“ געמאַכט...

פון בית עולם געהט ער
עלענד, ווי אַ שטיין,
און דאָס האַרץ צוגעהט איהם
פלאַצט שיער פאַר געוויין.

נאָר עס פאַסט ניט וויינען
פאַר אַ אינוואַליד;
און ער הויבט צום שול-הויף
ווייטער זיינע טריט.

* *
*

מיט א זאַק אַ פולען
משא אויפ׳ן קאַרק
געהט דער אַלטער מתית
דורכ׳ן שטאָדט און מאַרק.

אַלטוואַרג אַלע מינים
ליעגען דאָרט אין זאַק:
אַלטע שיך, קאַלאָשען,
מיטקעס, אויך אַ פראַק.

מתית דעם טאַנדעטניק,
מתית דעם סאָלדאַט
ווי אַ בייזען שילינג
קענען אַקוראַט.

אידען, גוים, פריצים,
אַלע, קליין און גרויס:
דעם קויפט ער אָב טופלעס,
דעם פערקויפט אַ הויז.

אָט אַזוי כסדר
געהט ער אָהן אַ שיער;
וואו עס וואוינט אַ פריץ
קלאַפּט ער אָן אין טהיר.

כאַפּט אמאָל אַ גילדען,
אָדער צוויי פערדינט;

כאַפּט אַ מאָל אַ שטעקען
און אַ בּיס פון הינד.

און אַזוי פערגעהען
דרייצעהן יאָהר כמעט,
דרייצעהן יאָהר כמעט,
און עס שטעלט זיך אונטער

מתית דער סאָלדאַט...
ער וואָלט נאָך אַ גילדען
קריגען ווי עס איז,
נאָר עס כאַפּען בּראַקניען

איהם די אַלטע פיס...
און פון סעוואַסטאָפּאָל
יענע אַלטע וואונד
לאָזט זיך אַלץ מעהר פיהלען
בּיי דער נאַכט אַצונד...

* *
*

איינזאַם און פערלאָזען,
עלענד, ווי אַ שטיין,
ליעגט דער אַלטער מתית
אויף דער באַנק אַליין.

אַלץ אַרום איהם כראָפּעט
אין דער טיעפער נאַכט,
נאָר די קאַלעקאָטקע
אונטער פענסטער וואַכט.

מיט איהר אומעט קלאפּען
וועקט זי אהן א צאָהל
שרעקליכע געשטאלטען,
בילדער פון אמאָל.

נאָר פון זיי ניט איינער
קוויקט דעם אלטענס הערץ,
יעדער וועקט צום נייעם
נאָך דעם אלטען שמערץ.

און ער שעפּטשעט „קריאת־שמע“ -
מיט אנ׳אומעט קול,
קרעכצעט השכיבנו
שוין א פינפטען מאָל.

נאָר עס העלפט ניט „קריאת־שמע“ -
צו דער קראנקער ברוסט -
אלע ווײַלע שטיקט איהם
שטארקער אלץ דער הוסט...

אין אַ דונקעלע נאַכט.

איך ווייס ניט וואָס זאָל עס בעדייטען
דאָס איך זאָ טרויעריג בין;
געשטאַלטען פון קינדער־יאָהרען
זיי קריכען מיר ניט אויס דעם זין.

אין שטוב איז קאַלט און אומעטיג;
דאָרט אויבען אויפ'ן זויס
פון קאָמינאָק רויכערט דאָס לעמפּיל,
עס רויכערט און פינטעלט קוים.

איך ליעג אויף דער האַרטער קאַנאַפּע
און ציטער פון הונגער און קעלט;
די מאַמע נעהמט דאָס לעמפּיל
און האָט אויפ'ן טיש עס געשטעלט.

זי זעצט זיך ביים גרויסען תהלים
און קרעכצט מיט איהר שטילען קול:
„תפלה לעני כי יעטוף“...
„אשרי משכיל אל דל“...

איך ליעג און איך ציטער און דרעמיל:
דער שמערצליך־זיסער קלאַנג

דרינגט טיעף אין מיין קינדער־נשמה,
און טוט מיר זא וועה און באנג.

איך ציטער: עס לאזט מיך ניט דרעמלען
דער מזמור פון עלענד און נויט;
עס שעפטשען די ליפען: „אוי, מאמע,
ווען קומט שוין דער טאטע מיט ברויט?"

די מאמע ענטפערט קיין ווארט ניט;
זי רוקט צו מיר נאהענט דעם טיש.
און דעקט מיט אן־אלטער פאציילע
מיר צו די פריערענדע פיס.

זי בויגט זיך אן ווידער צום תהלים
און כליפעט שוין יעצט אויפ'ן קול:
„תפלה לעני כי יעטוף"...
„אשרי משכיל אל דל..."

עס דריקט מיר דאס הארץ צוזאמען;
איך הויב אויף אין אנגסט דעם קאפ:
און זעה ווי עס קייקלען זיך טרערען
ביי איהר פון די אויגען אראפ.

און נעצען א בלאט נאך א בלאט;
זיי פאלען ארונטער צום תהלים
די בלעטער זיי טרינקען מיט דורשט זיי
ביז וואנען זיי ווערען ניט זאט.

פון אנגסט און וועה און קלעמנים
דאס הארץ מיר שיער פערגעהט;

איך שטאַמעל צו איהר: מאַמע, וויין נישט...
דער טאַטע וועט ברענגען ברויט.

איך טולע מיך צו צו איהר פעסטער
און דריק איהר קאַלטע האַנד;
זי כליפּעט שוין יעצט שטילער
און טענה'ט איהרס נאָכאַנאַנד:

„מיין גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסטו
פערלאָזען מיך, ביזטו ווייט?
און הערסט ניט צו מיין יאָמער,
און זעהסט ניט מיין האַרץ, ווי עס ליידט..."

און טיעפער, אימער טיעפער
פערשטיקט זי איהר דומפּפען קרעכץ;
אין שטילע שטראָמען פון טרערען
צוגיעסט זיך אין שטוב איהר שמערץ.

מיך האָט די פאַצילע ערוואַרעמט;
מיין ווערטאָג ווערט געשטילט;
איך ליעג און האָרך און דרעמיל —
עס טרוימט מיר אַ שענעס בילד:

אין שטוב איז וואַרים און ליכטיג;
ס'איז פרייטאָג צו נאַכט; אַרום טיש
זיצען מיר אַלע און עסין
פרישע חלה מיט פיש...

און פלייש, און לאָקשען, און צימעס...
די לייכטער פינקלען קלאָר,

דער טאטע זינגט: „יה רבון עלם...“
מיר העלפן אונטער אין קאר.

אין שטוב איזווארים און ליכטיג...
דאך פלוצלונג ווערט אלץ מיט אנאנד
פערשוואונדען... איך שפיר אויף מיין שטערן
דער מאמעס קאלטע האנד.

איהר שטילעס זומען און בליפען
אין תהלים הערט זיך ניט מעהר;
עס קלעפט פון איהר האנד אויף מיין שטערן
א קאלטע, איינזאמע טרער.

זי וועקט מיך זאכט און שעפטשעט:
„מיין זוהן, דו שלאפסט, צי ניין?
וואס זאמט זיך לאנג דער טאטע?..
עס שרעקט מיך צו זיצען אליין“.

איך טולע מיך צו צו איהר פעסטער
און מורמעל שלאפענדערהייט:
„נו, וויין ניט, שרעק זיך נישט, מאמע,
דער טאטע וועט ברענגען ברויט...“

עס הערט אין טיר זיך א קלאפען:
דער טאטע קומט פון גאס;
ער קומט אריין שטיל, ווי פערגנב׳עט,
זיין פנים איז בלייך און בלאס.

ער טוט אוים שטום זיין מאנטעל;
די מאמע, זי רעדט ניט קיין ווארט;

זי שטעהט אויף און געהט הינטער אויווען,
דער טאטע פערנעהמט איהר אָרט.

די שטוב איז פול מיט אומעט,
דאָס לעמפיל קוים וואָס עס ברענט,
און לאַנגע שאָטענס, ווי שלאַנגען
קריכען אַרום אויף די ווענד.

און טיעף דורכשניידט די נשמה
דעם טאטענס שמאַכטענדער קול:
„תפלה לעני כי יעטוף...
אַשרי משכיל אֶל דל..."

דער קַבְּצָן הוּלְיֶעט...

(א שמחת תורה ליִעד׳ל).

אַלֶע טאָג
וועה און קלאָג;
יעדער עופ׳ל פּישטשעט;
און דאָס ווייַב
שינדט דאָס לייַב,
און דער דלות שווישטשעט.

רק אין נויט,
טרוקען ברויט,
מיט׳ן צונג פערביסען;
אין לאָמבאַרד
ליעגט פערשפּאַרט
לאַנג דער לעצטער קיסען.

אָבער הייַנט,
ווי ער שייַנט,
גיט אַ קוק די סחורה;
אויפ׳ן שפּיץ
קאָפּ די מיץ —
הייַנט איז שמחת תורה!

כאָטש בײַם לײַב,
אױ, מײַן װײַב,
איז ניטאָ אַ קאָפּ'קע —
גיב דעם כּוס,
פֿול די מאָס,
און — דאַװאַי אַ האָפּקע!

מאַך אַנ'עק
בײַז'ן דעק,
אױס די מרה שחורה!
װאַרף אַראָב
אַלץ פֿון קאָפּ —
הײַנט איז שׂמחת תּורה!

נו, װאָס איז,
אַז די פֿיס
געהען הײַנט צוקוליעט!
און אַ זײַט,
גרױסע לײַט!
הײ, דער קבצן הוליעט!

זשאַמעריע.

נאָך נעקראַסאָוו'ס „ק ליכטראַטישקאַ").

„דו וועסט זײַן אַ גביר, מײַן זשאַמעלע",—
פֿלעגט מיר זינגען בײַ מײַן וויגעלע
אַלע נאַכט אַמאָל די מאַמעלע,
איך געדענק נאָך הײַנט איהר ניג'עלע.

און מקוים איז געוואָרען מיר
די הבטחה פֿון מײַן מאַמעלע:
שווער צו קריגען אַזאַ גרויסען גביר,
אַזאַ נ'עושר, ווי איהר זשאַמעלע.

שלאָפֿען—שלאָף איך אויף אַ קערבעלע,
מאַך אַ „המוציא" אויף אַ סקאָרינקע
און „לחיים" איך אַ שערבעלע
פֿול מיט ברונעם וואַסער קלאָרינקע.

און די קענדערלאַך און ס'ווײַבעלע
געהען אויסגעפּוצט אַנטיקעלע:
דורך אין אָנעטשקעס דאָס לײַבעלע
און פֿערגאַרטעלט מיט אַ שטריקעלע...

בִּלְעָם און זַיין אֵייזֶעל.

(אַ מעשה'לע פון חימש).

בִּלעם האָט געהאַט אַנ'אֵייזעל,
טאַקע וואָס אַנ'אֵייזעל הייסט,
איז געווען אַ גרויסער ענו
האָט זיך קיין מאָל ניט געגרויסט.

עסען האָט מען איהם געגעבען
שישקעס, קראָפּיווע און מאָך,
און זיין גאַנצען לעבען האָט ער
זיך געוואַלגערט אין אַ לאָך.

הויט און ביינער—שלעפּט דער אֵייזעל
באַרג אַראָב און באַרג אַרויף
אויף זיין דאַרען, שוואַכען רוקען
דעם געווינדען בעל־הגוף.

בִּלעם'ס מויל—דאָס ווייס דאָך יעדער:
פּעך און שוועבעל איז זיין צונג;
היינט זיין שטעקען—נעהמט ער שלאָגען
רייסט ער לעבער אָב און לונג.

און דער אֵייזעל, ווי דער שטייגער
איז פון אַלע אֵייזעלס קעפּ,

האָט געטראָגען מיט הכנעה
בלעבים קללות, בלעמ׳ס קלעפ.

אַ מחיה איז צו רייטען
אויף אַזאַ בהמה פאַרט:
שלאָג איהר, שילט איהר, רייב די זייטען
און זי טראָגט און רעדט קיין וואָרט.

איהר הוצאה קאָסט קיין דרייער,
שטעקענס נעהמט זי פיעל מען לעגט;
אַ מחיה: קלעהרט זיך בלעם,
זיצענדיג אויף איהר צולעגט.

און ער רייט דורך בערג און טאָלען
מיט אַ פרעהליכען געמיט,
רייט צו בלק מלך מואב,
צו זיין פריינד אין אַ וויזיט.

און ער כאַפּט זיך אָפּט אַ דרעמיל,
שלאָפט און שמייכעלט צוקערזיס.
פּלוצלונג שפרינגט ער אויף מיט גוואַלדען:
אַי, איך חלש! מיינע פיס!..

אַי, אַי, אַי!.. ער רייבט די אויגען,
קוקט זיך איין מיט גרויסער מיה:
ביי אַ פאַרקאַן שטעהט דער אייזעל,
שטעהט און קוועטשט איהם צו ני קניע.

בלעם גלאָצט פאַר שרעק די אויגען
און ער שרייט; פערפלוכטער טיער!

האַ! דו טרײַבסט מיט מיר קאַטאָוועס!
וואַרט איך נעהם זיך באַלד צו דיר!"

און ער כאַפּט מיט האַסט דעם שטעקען...
דאָך, דער איזעל קריכט צום וואַנד
און ער וויל איהם שיער דערשטיקען...
אוים!.. דער שטעקען פאַלט פון האַנד.

שלעכט!.. און בלעם מאַכט אַ הענדעל,
גלעט דעם איזעל פאַר'ן קאָפּ:
אַי, מײַן טרײַער פרײַנד, מײַן לעבען!
האָב רחמנות, לאָז מיך אָב!"

און ער שמייכעלט איהם און בעט זיך,
אויפגעקאָרטשעט ווי אַ קנויל,
און דער איזעל—הערט אַ וואונדער!—
עפענט פלוצלונג אויף דעם מויל.

„האַ, דו גרויזאַמער, דו בייזער," —
זאָגט ער,— „בייזער בעל הבית!
לאַנג האָב איך פון דיר געליטען,
אָבער הײַנט איז פול די מאָס...

צו מײַן ליידען, צו מײַן שווײַגען
איז געקומען שוין אַ סוף...
ניין, איך טרײַב ניט קײַן קאַטאָוועס,
אָ, דו גזלן, מלאך המות,
זאָלסט בעקומען הײַנט דײַן שטראָף.

און, געזאָגט דאָס, האָט דער איזעל
מיט'ן עק דערלאַנגט אַ שמיעס

גלייך דעם בעל הבית אין פּנים
און אַהייב די הינטערפיס.

ווי אַ פּילקע איז פערפלויגען
בלעכ צוואַנציג קלאַפטער וויַיט:
אַ צוקיַילטער, אַ צובייַלטער
ליגט ער אין אַ גרוב און שרייַט...

און דער אייזעל, שטאַרק צופריעדען
פון זיין קלוגען, פיינעם בריק, —
לויפט און הירזשעט פרייַ און מונטער
און טרומפּירט זייַן שטאָלצען זיעג...

* *
*

וואָס פּאַסירט האָט דאָרטען ווייַטער
איז געבליבען אומבעוואוסט;
נאָר פון דאַמאָלס אָן איז בלעם
שוין געגאַנגען בלויז צו פוס...

אוים ביאליק.

(פריי איבערזעצט).

אַ ליעד – אַ יתומה׳

הערך צו! אוים דער טיעפעניש דארט פונים וואלד, פון דעם שטומען,
אַזוי ווי פערגנב׳עט, פערשעמט, קוועלט דער נאַכטיגאַלס ליעדעל;
ס׳שטעהט טרויעריג, נאַקעט דער וואלד, אַלץ איז טויט און פערוויסטעט;
אוי, ווי פאַר דער צייט איז דאָס לייכטזיניג ליעדעל געקומען!..

קוק! נאָך אין דעם קויט, אין דעם טיעפען די פים אונזרע זינקען,
און אויבען די וואָלקען, די בלייערנע הענגען און דריקען;
די שעדליכע ווינטען, זיי שניידען אַזש דורך די נשמה...
די שטראָמען די מוטנע, זיי גרייכען ביז האַלז צום דערשטיקען.

דער וואלד שטעהט פערטרויערט און שטום, אין אַ טויטליכען שווייגען,
אַזוי ווי זיין ברוסט וואָלט קיין איינציגער ליכט־רוט דורכשניטען;
הויל שטעהען בעראָזעס און דעמבעס אין טרוים מרה שחורה,
ווי אייביג פערלאָרען די האָפנונג אויף פריהלינגס ערוואַכען.

און פוילנים, וואָס האָט זיך דורך טויזענדער ווינטערס געקליבען,
און אָבפאַל, וואָס ליעגט דאָ פון יאָהרען, וואָס ווייסען קיין צאָהל ניט,
נבלות פון אוראַלטע דעמבעס, פון שטורעמס צובראָכען,
די פוילנים פון קופעס מיט בלעטער, פערדאַרטע, פערוועלקטע.

און די אַלע הורבעס מיט פוילנים, ווי שטיינער זיי פרעסען
דעם וואַלדיגען באָדען, און יעדוועדער קנאָספעל און בליהונג

דערשטיקען אין קיים זיי, און איידער די שיין זיי ערבליקען
פערלאפט זיי די קעלט און אין פינסטערניס געהען זיי אונטער.

און פינסטערניס, קעלט, וואס אין ערדענשווים ליגען בעהאלטען
און אייביג אהין קען ניט דרינגען קיין איינציגער זונשטראהל;
אוי וועה, וויפיעל ערדלע בלומען דארט זענען בעגראבען,
און וויפיעל נאך וועלען בעגראבען זיין — ווער קאן זיי צעהלען?..

און היילקייט פערקלעמטע ארום — ס'שטעהען נאקעט די בוימער;
אפילו די שטיינער אין פעלד קוקען טרויריג און פינסטער
פון צווישען די שלומערנדע קוסטעס פערדארטע, פערקלעמטע,
וואס וויגען זיך ציטערנד פון קעלט און פון שטורמס געבראכען,

און לידער גאר אנדערע שפיעלט יעצט דער שטורם אין אויער,
דאס ליעד פון א לעבען אהן לוסט, ווי נעכט אהן א פריהמארגען,
ווי קומערפול גוס־רעגען־טעג, ווי דער יאמער פון שטורם,
וואס צוקט דורך דעם ארענדען וואנדרער אין איינזאמער וויסטע.

און ווען דו אין גאנצען דורכשוידערסט פון קעלט, און דיין אויער
הערט פלוצלונג ערשאלען דעם טרעל פון דער נאכטיגאלס־ליעדעל,
א, פריינד! וועסטו דאן ניט בעדויערן דעם עלענדען זינגער,
ניט הארכען זיין ליעד, ווי דעם קלאנג פון א ליעד — א יתומה!

פֿריהלינגס=שריט.

עפּעס וועהט אין דער לופֿט גאָר אַ ווינטעל אַ נײַער,
עס ענטפֿלעקען זיך ווײַט רוימען העלער און פֿרײַער,
פֿונ'ם באַרג טוט מיט פֿריהלינג שוין בלאָזען;
איך דער לאָנקע זיך וואַרעמע דונסטען פֿערשפּרייטען,
איך די בוימער ענטפֿאַלטען זיך קנאָספּען און קווייטען
וועלען באַלד אומעטום זיך צולאָזען.

קאַרג גיסט ליכט נאָך די זון, און קײַן שאַלען נאָך לויטען,
נור אַ צנועיג=ריין ליעדעל שוין הערט זיך פֿערשפּרייטען,
שטראַהלען צאַרטע פֿון באָדען ווי שפּריסען;
וואַרט נור, באַלד וועט דאָס לעבען פֿערזיגעלטע מעכטיג
זיך ענטפֿלעקען און בליהען, און יוגענדליך פּרעכטיג
ווען זײַן פֿרוכטיגער שטראָם זיך ערגיסען.

און ווי זיס איז דער ווינטעל, ווי קוויקענד די שטראַהלען,
אַלעס לאַכט אומעטום, וואו דײַן בליק טוט נור פֿאַלען,
אַלעס שײַנט דיר מיט פֿריידע ענטקעגען;
און פֿון אַלעס צו אַלץ גאָלדנע פֿעדים זיך ציהען,
וואַרט אַ ווײַל! — אין אַ טויזענד=קאָליריגען בליהען
גיסט די יוגענד זיך איבער די ברעגען.

וואַרט נור בּאַלד ווערט,—ווי גרעזער, און שטרויכען, און בּוימען,—
איך מיין יוגענד בּענייט, און אַמאָליגע טרוימען,
זיי וועקט אויף אויך דער ווינטעל, דער פרייער,
עפּעס וואַקסט אויך און קוועלט און עס גיסט זיך פון האַרצען,
און איך שווענק אָב אין טרערען מיין קומער דעם שוואַרצען,
אומעטום בּלאָז צו ווינטעל אַ נייער!..

* * *

אין אַ זומער טאָג הייס, ווען די מיט טאָג זון בריהט,
און די לופֿט, ווי אַ קאַלכאויווען, פֿייערט און גליהט,
און דאָס האַרץ אין אַ ווינקעלע שטילען זיך ציהט,
קום צו מיר, קום צו מיר, ברודער מיעדער!

כ׳האָב אַ גאָרטען. אין גאָרטען אַ לינדע דאָרט שטעהט,
און די לינדע פֿיעל שאָטענס אַרום זיך פֿערשפּרייט
דאָרט אין גרעזער און בלומען, פֿערבאָרגענערהייט
זיצען ביידע מיר רוהיג און טרוימען.

און מיר ווילען זיך לוסטיג אין יענעם בעהאַלט,
און מיר האָרכען פֿון לאָנקע די שטימע, וואָס שאַלט,
און פֿון אויבען די זון צו אונז לעכעלט און שטראַהלט,
און די ווינקט און זי שטיפּט מיט די שאָטענס.

און אין ווינטער, אין שוואַרצע און טרייסטלאָזע נעכט,
ווען דרויסען דער פֿראָסט אַלץ פֿערקאָוועט און ברעכט,
און מיט מעסערס דיין קערפּער, דיין שטאַררענדען שטעכט,
קום צו מיר, קום צו מיר, פֿריינד דו ליעבער.

ניט געפּוצט איז מיין שטיבעל, ס׳איז אָרים און קליין,
דאָך איז וואַרים דאַרינען און ליכטיג און ריין,

איפ'ן קאַמינאַק פייער, און קומסטו צו גיין,
ווערט דיר וואַרעם, מיין עלענדער ברודער!

און ווען דרויסן דער שטורם — ער צאַרנט אַלץ מער,
דאָך מיר זיצן בייזאַמען און טראַכטן, ווי שווער
איז דאָס הימלאָזן אָרעמען אַצונד, און אַ טרער
פליסט פון אויג מיר אויף דיר אַ געטרייע.

דאָך ווען ס'קומט אָן דער הערבסט און דער פייפטער ווינד קלאָגט,
און אין בלאָטע אַלץ שווימט, אַלץ איז וויסט און פאַרצאָגט,
און עס קאַפּעט אין דאַך, און אין האַרצן עס נאָגט,
דאַמאָלס לאָז מיך אַליין ברודער טרייער!

אין דער וויסטער פאַרצווייפלונג וויל זיין איך אַליין,
און ווען ס'נאָגט מיר דאָס האַרץ, און עס וויל שיער פאַרגיין,
זאָל קיין אויג מיך ניט זען, קיינער וועט'ס ניט פאַרשטיין,
אין מיין קאַמער וויל איינזאַם איך שווייגן.

תּקוּן חֲצוֹת.

שוואַרצע נאַכט. דער ווינד האָט אָנגעיאָגט
דיקע וואָלקען לאַנג און ברייט;
און דאָס גאַנצע שטעדטיל איינגעהילט
ליעגט אין טיעפען שלאָף און קויט.

חושך, שטיל... קיין נפש ריהרט זיך ניט,
נור דער רעגען כליאַבּעט פאָרט;
און די הייזלעך איינגעבויגענע
שטעקען שוצלאָז דאָ און דאָרט.

ווי א יתום א פערגעסענער,
באָרוועס, נאַקעט, אָהן א העמד,
שטעהען דאַכלאָז זיי און שווייגען שטום,
איפּגעקאָרטשעט און פערקלעמט.

און עס דאַכט: אַזוי ווי ציטערנד,
דורכגענעצט פון נוס און קעלט,
שטעהען זיי און פלוכען צאָרנדיג,
שטומערהייד די גאַנצע וועלט.

און די כליאַבּעס פלייצען, קייקלען זיך
איף די ווענד ווי טרערען־שטראָם,

און עס ווײַנט דאָס גאַנצע שטעדטעלע
אײַנגעזונקען אין אַ תהום...

און דער חלום פֿון די שלאָפֿענדע
איז מיט שרעקען פֿול און פּײַן;
אוי, קבצנים, שנאָרער עלענדע,
זעהט אין טרוים כאָטש עטוואָס שײַן!

און דער ווינד פֿערגעהט זיך יאָמערנד,
פֿון זײַן קלאָג דאָס בלוט — עס קיהלט,
אוי, ווער ווײס, פֿון וויפֿיעל לײַדענדע
איז אַ פֿלוך אין איהם געהילט...

טיעפֿער שלאָף און קויט און פֿינסטערניס...
קײַן איין לעבעדיג געמיט...
נור איין שײַבעל ערגעץ בליאַסקעט נאָך:
דאָס שטעהט אויף צו חצות אַ איד...

קומענדיג אַ היים.

ווידער זעה איך איהם, דעם זיידען
מיט זיין פאַרמעט־טרוקען פנים,
פול מיט קנייטשען,—זיצט און וויגט זיך
ווי אַ בלאַט איבער די ספרים.

ווידער זעה איך זי — מיין באָבען,
מיט די פרעזנטלעך, מיט די זאָקען,
און איהר מויל, ער שווייגט קיין רגע,—
פלוכט און וואָגעלט, שרייט און כעס'ט.

און ווי פריהער איז פערצויגען
דאָרט אין ווינקעל, אין דער פינסטער,
שפינגעוועבעכטס — אָנגעשאָטען
מיט געשוואָל'נע טויטע פליגען.

אַלץ ווי פריהער, ניט געענדערט
אויף אַ האָר דאָ — קיין שום נייעס; —
נעהמט מיך, ברידער, צו אין חברה:
לאָמיר פילען אַל' צוזאַמען.

צו דער תלמוד־לעגענדע.

אין אייך אלטע בלעטער און וועלקע פונים תלמוד,
איהר שעגע לעגענדען־רואינען,
ווען ס'לעבען דאס וויסטע ווערט מיר איבערדריסיג,
טו איך מיר א טרייסט נור געפינען.

אין פינסטערן ערדלאך — דארט ציהט זיין הוונה,
זיין היות דער ווארם, דער שטומער;
און אין אייער צופלוכט געפינט מיין נשמה
אנאברוה פון האס און פון קומער.

און ווען אין דער פינסטער אויף ערד דא איך וואנדעל,
ענטפלעקט איהר מיר הימלישע האלען;
און צו מיין פערוואונדעטער הארץ דורכ'ן נעבעל
די זונען פון אייביגקייט שטראהלען.

דאן הער איך אויף יאגען נאך ניכטיגע שאטענס,
און גלוסט אייער שאטען דעם זיסען;
דארט וויין איך, דארט ווערען געשטילט מיינע וועהען,
דארט קאן איך א טרייסטונג געניסען.

ווי נידריג, פעראכטעט בין איך ביי די פעלקער:
הויך וויינען אפילו ניט וואגען!

און לאָזט מען מיך ווײנען געניג, אָ, געווײנט דאַן
וואָלט איך, ביז איך גײ אױס אין קלאַגען.

איך האָב אויך אַ האַרפּע געהאַט; אויף די ווערבעס
פון טאַל, — וואו אין קייטען געפאַנגען,
בין איך דאָרט געזעסען אין שטראָמען פון טרערין —
האָב איך זי, מײן האַרפּע, געהאָנגען.

פון דאַמאָלס אָן זענען די פרעהליכע לידער
פערשוואונדען — מײן פלײט איז אַנאַבל;
מײן האַרפּע אין שלופצען, פערשטיקטע, פערקלעמטע
ווײנט שטיל בײ די טײכען פון בבל.

דאָך זענען אַמאָל אויך אין בבל געוועזען
דאָרט העלדען פון גײסט און פון שירה;
זײ האָבען צו שפּילען גאַר קונציג פערשטאַנען —
דעם ברום און געווײן פון דער לירע.

זײ האָבען פערשטאַנען, געפיהלט די נשמה
דעם פאָלקס — אין איהר פרייד און איהר צאָרן,
און האָבען דעם קלאַנג פון איהר לירע בעהאַלטען, —
דאַן וואַר די אגדה געבאָרען.

פון דאַמאָלס אָן, ווען נור מײן האַרץ וויל מיר ברעכען,
עס ברענט דאָרט אַ העלישער פײער;
דאַן גרײפט צו דער אַלטער אגדה מײן לירע,
איך שפּיעל און עס ווערט מיר שוין פרײער.

איך שפּיעל און די גרויע, די זיסע לעגענדען,
זײ קוועלען אַרויס אין די לידער;

עֶס ווײנֶען די סטרונֶעס, עֶס שלוכצֶען די סטרונֶעס;
דאָך קוויקֶען מיט טרייסט זײ מיך ווידֶער.

איך בליק אין דֶער צוקונפט מײן פאָלקס, און איך זֶעה דאָרט
זײן גרויס אין די הימלֶען געשטיגֶען;
דאַן גלויב איך: דאָס ווֶערימֶעל־פאָלק ווֶעט אַמאָל נאָך
די ריזֶען, די שונאים בֶּזיגֶען.

מײַן זיפֿץ האָט אין ווינד זיך פֿערלאָרען

מײַן זיפֿץ האָט אין ווינד זיך פֿערלאָרען;
דער זאַמד האָט געטרונקען מײַן טרער.
דו ווינד, און געפֿינסטו מײַן ברודער,
זאָג אים, אַז איך בין שוין ניט הער.

אין מיר האָט אַ ליכט-קוואַל ענטפלעקט זיך,
דאָך טראָפּענווײַז האָט ער פֿערזיגט;
מײַן בוזעם האָט פֿלאַמען געבאָרען,
דאָך פֿונקענווײַז — אַלע דערשטיקט...

און איצט בין איך — אַ האַלאַוועשקע;
עס טרעפֿט נאָך צומאָל אַ מינוט,
מײַן קוואַל ווי אַ וואונד טריפֿט, און ס׳רויכערט
מײַן האַרץ אין זײַן אַש און זײַן בלוט.

ווידער אין דער היים

ווידער בין איך אויף די היימישע וועגען;
בילדער בעקאנטע מיר לויפען אנטקעגען.

אט איז דאס אלטע האלב חרובע קלייזעל,
אט איז מיין מאמעס פערפאלענעם הייזעל.

ליבע געשטאלטען מיך ווארם בעגריסען...
ווי האט מיין הארץ אין דער פרעמד זיך געריסען,

זיי אין די ארעמס צו פאלען און וויינען
און מיינע טרערען מיט זיי צו פעראייניגען.

טרייסטען האט צוויי מיר געטאן גאט בעשערען:
טרויער-זכרונות און קוואלען פון טרערען.

און די זכרונות פון קינדערשע יאהרען
זענען פון הארץ ניט פערלאשען געווארען.

איך אין מיין עלענד-פערוואלגערטען לעבען
פלעגען זיי ליעבליך און טריי פאר מיר שוועבען.

און אויך די טרערען, וואס דארטען פערגאסען
זענען צוריק אין מיין וויגעל געפלאסען.

און אין דער ווייטען האב איך ניט געפונען,
ווער זאל די טרער, וואס פון אויג מיר גערונען